# דער לערער יאַנוש קאָרטשאַק

אין פוילן האָט געלעבט אַ באַרימטער לערער. ער האָט געהייסן יאַנוש קאָרטשאַק. ער האָט געהאַט אַ היים פֿאַר יתומים- פֿאַר קינדער וואָס האָבן ניט קיין טאַטע מאַמע- אַ יתומים- הויז. די קינדער אין זײַן היים האָבן געאַרבעט, געלערנט און פֿאַרגעסן אַז זיי זענען יתומים. די היים איז געווען אַ פֿרײַע רעפּובליק מיט אַ פּרעזידעט, מיט וואַלן- אַלץ געפֿירט פֿון די קינדער.

זיי זענען געווען גליקלעך אין דער היים פֿון יאַנוש קאָרטשאַק.

קיין פוילן זענען געקומען די נאַצים.

זיי זענען אַרײַן אין דער קינדער- היים און אַלע קינדער אַרויסגעפֿירט צו האַרגענען. דעם לערער יאַנוש קאָרטשאַק האָבן זיי ניט גענומען ווײַל ער איז געווען אַ פּוילישער אָפֿיציר, אָבער יאַנוש קאָרטשאַק האָט געזאָגט:

-ניין, איך גיי צוזאַמען מיט מײַנע קינדער.

איך האָב געלעבט מיט זיי און איך וועל מיט זיי שטאַרבן.

# DER LERER YANUSH KORTCHAK (Janusz Korczak)

In Poyln,hot gelebt a barimter lerer. Er hot geheysn Yanush Kortchak. Er hot gehat a heym far yesomim, far kinder vos hobn nit keyn tate mame, a yesomim- hoyz. Di kinder in zayn heym hobn gearbet, gelernt un fargesn az zey zenen yesomim.
Di heym iz geven a fraye republik, mit a prezident, mi valn alts gefirt fun di kinder.
Zey zaynen geven gliklekh in der heym fun Yanush Kortchak.
Keyn Poyln zenen gekumen di natsis. Zey zenen arayn in der kinder heym un ale kinder aroysgefirt tsu hargenen. Dem lerer Yanush Kortchak hobn zey nit genumen, vayl er iz geven a poylisher ofitsir, ober Yanush Kortchak hot gezogt:
-Neyn, ikh gey tsuzamen mit mayne kinder. Ikh hob gelernt mit zey un ikh vel mit zey shtarbn.